# פרשת צו י׳ – ט״ז אדר ב׳ תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או״ח הלכות ברכת המזון סימן קפ״ד סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** פסוק זאגט אין די מגילה (אסתר ט-כג) וקבל היהודים את אשר החלו לעשות, ואת אשר כתב מרדכי אליהם. דער פשוטער פשט אין פסוק איז, אז תיכף ווען עס איז געווען דער נס, איז דאך געווען ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, מען האט געמאכט איבעראל סעודות, אויף דעם וואס מען איז ניצל געווארן פון די גזירה פון המן. דאס קומענדיגע יאר, האט מרדכי אין משך פונעם יאר איינגעפירט, אז מען גייט מתקן זיין, אז פורים זאל זיין א יום טוב. און פון יעצט אן, בכל שנה ושנה, גייט פורים זיין א טאג פון משתה ושמחה. און יודען האבן מקבל געווען דאס וואס מרדכי און אסתר האבן איינגעפירט די ימי הפורים. וקבל היהודים, יודען האבן מקבל געווען, את אשר החלו לעשות, דאס וואס זיי האבן שוין אליין אנגעהויבן צו טון, זיי האבן שוין אליין אנגעהויבן צו מאכן פורים פאר א יום טוב, און יעצט האט מען מקבל געווען, אז מען גייט עס מאכן אין אלע דורות שפעטער. ואת אשר כתב מרדכי אליהם, מרדכי האט געשריבן די מגילה, די מגילה האט מען נאכנישט געהאט מקבל געווען פון פארדעם. די ערשטע יאר האט מען נישט געשריבן קיין מגילה, עס איז נאר געווען משתה ושמחה. האבן זיי מקבל געווען את אשר כתב מרדכי אליהם, דאס וואס מרדכי האט געשריבן, אז מען זאל ליינען די מגילה יעדעס יאר.

**די** גמרא (שבת פח.) זאגט, אז בשעת קבלת התורה האט דער אייבערשטער כופה געווען אויף יודען ההר כגיגית, און ער האט זיי געצווינגען צו קבלת התורה. זאגט די גמרא, אז עס איז דא א מודעא רבה לאורייתא. ווען מען רופט צו א דין, פארוואס מען האט נישט געהאלטן די תורה, האט מען א טענה אז מען האט אונז געצווינגען צו קבלת התורה, און מען איז נישט מחוייב צו האלטען א זאך וואס מען האט געצווינגען. אף על פי כן הדר קבלוהו בימי אחשורוש, שפעטער בימי אחשורוש, מאהבת הנס, האבן יודען מקבל געווען אויף זיך קבלת התורה פון דאסניי. קימו וקבלו (שם ט-כז), קימו מה שקבלו כבר, מען האט יעצט מקיים געווען, דאס וואס מיר האבן שוין מקבל געווען פון פריער.

**עס** שטייט פונעם **גר״א** (בספר **המאור הגדול**), אז עס איז דא א הלכה (בבא בתרא ד:), ווען ראובן האט א פעלד, און שמעון האט פעלדער ארום דעם פעלד פון דריי זייטן. און שמעון האט געמאכט א גדר אפצוטיילען זיינע פעלדער פון ראובן'ס פעלד, און ראובן'ס פעלד איז יעצט ארומגענומען געווארן מיט א מחיצה פון דריי זייטען. קומט שמעון און ער בעהט פון ראובן, אז ער זאל געבן צו שטייער פאר דעם גדר וואס ער האט געמאכט, ווייל עס איז אויך א טובה פאר אים. עס איז דא חיות און בהמות, און יעצט קען מען נישט אריינקומען דא פון דריי זייטען. עס האט מיר געקאסט יעדע זייט הונדערט דאלער, צוזאמען איז עס דריי הונדערט דאלער, געב מיר צו שטייער די העלפט דערפון. עס איז פאר מיר א טובה, און עס איז פאר דיר א טובה. איז די הלכה, אז ער איז נישט מחוייב צו באצאלען. ער קען זאגען, מיר אינטערעסירט עס נישט, איך האב דיר נישט געהייסען מאכען דעם גדר, איך דארף נישט דעם גדר. טאמער אבער נאכדעם גייט שמעון, און ער האט ארומגענומען דעם פערטן זייט, און ארויפגעלייגט א וואנט פאר זיין פעלד, זאגט מען אים, אז יעצט דארף ער באצאלען זיין שותפות וואס ער האט אין די אנדערע דריי זייטן, ווייל ער האט מגלה דעת געווען מיט דעם וואס ער האט צוגעלייגט דעם פערטן וואנט, אז ער איז זייער צופרידן געווען אז מען האט אים געמאכט א גדר פון די דריי זייטען.

**זאגט** דער **גר״א**, יודען האבן מקבל געווען די תורה, און עס איז געווען באונס, מען קען זאגען אז מען האט זיי געצווינגען. אבער אז יודען האבן פורים

מקבל געווען אויף זיך פרישע מצוות, איז עס אזוי ווי מען מאכט די פערטע גדר, וואס דעמאלטס טוט מען גולל זיין אלע פריערדיגע, ווייל דאס ווייזט די שביעת רצון פון די פריערדיגע אויך. ווייל אויב דו ביסט נישט צופרידן מיט די מצוות, פארוואס ביסטו געגאנגען, און דו האסט צוגעגעבן דערצו נאך א מצוה פון פורים. איז ממילא פון דעם וואס זיי האבן גענומען אויף זיך נייע מצוות, מיט דעם האבן זיי מגלה געווען, אז די קבלת התורה דעמאלטס איז געווען מרצון. ווייל טאמער עס וואלט נישט געווען מרצון, וואלט מען נישט צוגעלייגט דערצו קיין פרישע.

**זאגט** דער פסוק, וקבל היהודים, מיט דעם וואס יודען האבן מקבל געווען די יום טוב פון פורים, איז נישט נאר אז מען האט מקבל געווען די נייע מצות פון פורים, נאר וקבל היהודים, יודען האבן יעצט מקבל געווען, את אשר החלו לעשות, וואס מען האט שוין אנגעהויבן צו טון. גאנץ קבלת התורה איז דאך ביז יעצט געהאנגען אויף א ספק, צו מען איז מחוייב צו האלטען די תורה צו נישט, ווייל מען האט דאך אונז געצווינגען צו קבלת התורה. דאס וואס מען האט אנגעהויבן דעמאלטס קבלת התורה איז וקבל היהודים, יעצט האט מען מקבל געווען אויף זיך, וואס מען האט שוין דעמאלטס אנגעהויבען צו טון.

*

**א** יוד האט מיך מעורר געווען, אז מען זעהט ביי די מצוה פון פורים, אז עס איז דא א נקודה וואס איז נישט דא ביי אלע אנדערע מצות. יעדע מצוה האט א גבול, עס איז נישט דא קיין מצוה אן קיין גבולים. אפילו די זאכען וואס מען רעכנט אויס אין אלו דברים שאין להם שיעור (פאה א-א), איז נאר אז אויב מען וויל, קען מען צולייגען, אבער עס איז נישט דא קיין חיוב, אז דו ביסט מחוייב צו טון עד הסוף. ביי די מצוה פון פורים האבן די חכמים מתקן געווען אז מען דארף טרינקען וויין, און חייב אדם לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי (מגילה ז:), אן א גבול. טרינק ביז דו ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט דיר. ווען עס קומט צו געבן מתנות לאביונים, כל הפושט יד נותנים לו, דו דארפסט געבן פאר יעדן איינעם. פארוואס איז ביי פורים אנדערש פון אלע אנדערע מצות וואס מיר האבן גבולים דערויף, און א מענטש קען מוסיף זיין אויף די גבולים, אבער עס איז נישט דא קיין חיוב אויף די הוספה פון די גבול. און דא איז דא א חיוב ביי טרינקען וויין, מער ווי די גבול איז, עס האט נישט קיין גרעניץ. ווען עס קומט צו טיילען, טייל פאר יעדן איינעם אן א גרעניץ. פארוואס איז דאס אזוי.

**איך** האב געטראכט, ווען מען איז מחוייב צו טון א מצוה געצווינגענערהייט, ווען מען איז נישט דערביי, טוט מען נאר וויפיל מען איז מחוייב. מער פון וויפיל מען איז מחוייב, דארף מען נישט. ווען א קעניג צווינגט אז מען זאל טון א געוויסע זאך וואס מען איז נישט דערביי צו טון, טוט מען נאר וויפיל מען איז געצווינגען צו טון, אבער וואס מען דארף נישט, דארף מען נישט טון. אבער ווען א טאטע טוט עפעס פאר א קינד, און ער טוט עס מיט ליבשאפט, איז נישט דא קיין גבולים דערויף וויפיל ער זאל טון. אהבה איז א געפיל, ער האט א ליבשאפט, און ווען ער טוט, טוט ער וויפיל עס איז אין זיין מעגליכקייט צו טון.

**ביז** יעצט איז געווען קבלת התורה בכפיה, מען האט געצווינגען. געצווינגען האט גבולים. וויפיל מען דארף טון טוט מען, אבער מער טוט מען נישט. יעצט האט מען אבער מקבל געווען די תורה פון זיך אליין, מאהבת הנס, פון ליבשאפט. און אז מען טוט א זאך פון ליבשאפט, איז נישט דא קיין גבולים דערביי, טוט א מענטש די מאקסימום וואס ער קען. וועגן דעם האבן די חכמים מתקן געווען ביי די מצוה פון פורים, אז עס זאל זיין אן א גבול, צו ווייזען די חשיבות פון קבלת התורה וואס יודען האבן מקבל געווען אין פורים, צו טון מאהבה. און אז מען טוט מאהבה, טוט מען אן א גבול.

*

אחר מעריב התקיים בחדר **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם שטרייכער** הי"ו (לעיקוואד).

*

***יום שני פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **משה** נ"ו בן הר"ר **אברהם מאיר זיידענפעלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר ריבא** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה עלה **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **יצחק יעקב כייעם** הי"ו, לקיים מצות שילוח הקן. **רבינו שליט"א** עיין קצת בספר אודות עניני המצוה וקיומה, וניגש אצל הקן, ושילח את האם על ידי הכאה במקל בצד הקן (ולא בירך ברכת המצוה כדעת הרבה פוסקים), ואת הבנים (הביצים) לקח לעצמו. והפטיר ברגש שזכות המצוה יגן עלינו, ושיתעורר למעלה לגאלנו גאולת עולמים, לקיים ואת הבנים תקח לך במהרה בימינו.

אחר שילוח הקן הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים. אחר ששרו הניגון תהא השעה הזאת שעת רחמים ועת רצון מלפניך, אמר **רבינו**: מען ברענגט צו פון **זוהר הק'** אז בשעת מען איז מקיים שילוח הקן, און מען שיקט אוועק די מוטער, איז זיך די מוטער מצטער. און דער שר אויבן אין הימל אויף די עופות, נעמט זיך אן, אז מען האט מצער געווען די מוטער, און מען האט אוועקגענומען די קינדער. און עס קומט כביכול אן צום אייבערשטען די תלונה פון דעם שר. און דער אייבערשטער זאגט אויף דעם, נו, פארוואס קוקט זיך קיינער נישט אום אויף מיר, וואס מיינע קינדער זענען אין גלות, און מען האט אוועקגעשיקט די מאמע פון די קינדער, און דאס איז מעורר רחמים אויבן אין הימל.

*

***<u>יום שלישי פרשת צו</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה הערש פוקס** הי"ו (חתן הר"ר **יצחק יהודא ברוין** הי"ו), בבית המדרש דראהביטש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף מאיר מארקאוויטש** ע"ה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **משה יעקב** נ"ו בן הר"ר **אברהם יודא האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ראובן זאבעל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב יוסף וויינגארטן** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **משה יעקב האפפמאנן** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת צו – תענית אסתר</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב יוסף וויינגארטן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **משה יחיאל ראזענבוים** הי"ו, ושל בן הר"ר **אברהם שמואל זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נכנס **רבינו שליט"א** להתפלל תפלת מנחה בבית מדרשנו, ותרם ג' מטבעות של מחצית השקל לפני התפלה.

אחר תפלת ערבית התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, וקרא את המגילה בהתעוררות ובנעימה קדושה, שארכה קרוב למשך שעה.

*

***<u>יום חמישי פרשת צו - פורים</u>***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמור"י העיר, וקרובי המשפחה. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש (והפסיק לתפלת מעריב אחר אכילת הדגים), והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה, ניגוני חב"ד עתיקים, המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת.

אחר שעה תשע וחצי עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה קרוב לחמש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין ושיחות קודש, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח רבי **שרגא בלומענבערג** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**. גם נשמעו במשך השולחן דברי בדחנות בטוב טעם על ידי הר"ר **וועלוול פעלדמאן** הי"ו. כמו כן הטיבו לנגן בכלי שיר לכבוד היום.

אחר ברכת המזון הכריז **רבינו שליט"א** בקול: ניין דריי און צוואנציג איז סוף זמן קריאת שמע'. ועברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, בעוד שממשיכים בניגוני שירה וזמרה לכבוד היום, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש [לערך בשעה שלש בלילה] בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

**<u>נצטט בכאן איזה פנינים וציטוטים שנשמעו מפי רבינו שליט"א במשך סעודת היום ובעריכת השולחן הטהור</u>** *<u>(שאר הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה):</u>*

♦ כשדיבר **רבינו שליט"א** אודות בר קפרא שהיה מבדח את רבינו הק', אמר: עס איז געווען אמאל א גראמער וואס האט געהייסן רבי חיים מענדל ז"ל. דער יונגער דור געדענקט אים נישט, אבער דער עלטערער דור וועט מסתם וויסן פון וועם מען רעדט. ער האט געהאט אזא חן אויפן פנים, בשעת ער האט גערעדט. ער האט ארויסגעברענגט א געוויסן בדיחת פנים, אפילו פאר גדולי ישראל אויך. איך האב געהערט פארציילן, אז בשעת רבי חיים מענדל איז געקומען אויף אמעריקא, האט ער נישט געהאט קיין פרנסה, אזוי ווי אלע יודען וואס זענען געקומען יענע צייטן. און ער איז געווען ביים **סקווירא רבי זצ"ל**, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט א חוש צו בדיחותא, צו ער זאל עס אויסנוצן. און דער סקווירא רבי האט אים שטארק צוגערעדט אז ער זאל גיין משמח זיין ביי שמחת חתן וכלה. און ער האט זיך אויסגענומען מיט אים איין תנאי, אז **ער זאל נישט זאגן קיין שום זאך וואס עס פאסט נישט צו זאגן**. אמאליגע בדחנים פלעגן מבדח צו זיין, אבער זיי האבן גערעדט נישט איידל. און ער האט אים געבעטן, אז עס איז דאך א נייער דור, מען דארף אויסלערנען מענטשן ווי אזוי מען דארף צו טון, ער זאל זיך אויסלערנען צו זיין א בדחן, און קיינמאל נישט ארויסברענגען א זאך וואס עס פאסט נישט צו רעדן ברבים. און רבי חיים מענדל ז"ל האט טאקע אזוי גערעדט, ער האט קיינמאל נישט ארויסגעברענגט א זאך וואס עס פאסט נישט צו זאגן ברבים. ער האט געהאט א געוואלדיגען כח מבדח צו זיין מענטשן.

*

♦ לפני אכילת הדגים אמר **רבינו שליט"א**: עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין פיש איז מגולגל נשמות צדיקים. די פיש איז געווען א צדיק, ער האט געהאט א געוויסע נקודה וואס וועגן דעם האט ער געדארפט מגלגול ווערן. דער צדיק ווערט מגלגול אויף דעם עולם, און אונז וואס מיר זענען נישט קיין צדיקים, קענען מעלה זיין דעם פיש אין דעם זאך וואס ער האט געדארפט האבן א תיקון אויף דעם עולם. מיר זענען נישט מכיר, וואס א יוד אויף די וועלט, קען אויפטון. מיר האבן די כוחות מעלה צו זיין א גלגול פון א צדיק וואס איז שוין אויף יענעם עולם. דורכדעם וואס מיר עסן, און מיר זענען זיך משמח לכבוד שמחת פורים, קומט א התעלות אפילו פאר א נשמה פון א גלגול פון א צדיק.

**די** פיש האט געהאט א געוואלדיגע זכיה אז עס איז אנגעקומען אהער. עס זענען דא טויזענטער פישן, און נישט יעדער פיש קומט אן אויפן ריכטיגן מקום. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אז מיט דעם וואס מען עסט די פיש, מען עסט א נשמה פון א צדיק, עס איז זיכער אז עס ברענגט א התעלות פאר כבוד שמים, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן אי"ה אין משך פונעם יאר ווי עס דארף צו זיין. דער אייבערשטער זאל אונז געבן, אז די נשמה וואס איז מגולגל אין די פיש זאל אונז מסייע זיין. מען עסט דאך דערפון, ווערט עס א חלק פון אונזער נפש, און א יוד דינט שפעטער דעם אייבערשטן מיט די כוחות

הנפש. אפילו א נשמה פון א צדיק אויף יענע וועלט, קען נישט זוכה זיין צו וואס מיר קענען אויפטון מיט אונזער עסן אויף די וועלט.

**איך** זאג עס אסאך מאל, אז פיש האט אין זיך א ברכה פון פריה ורביה. אויף פיש איז נישט שולט קיין עין הרע, זיי זענען מרבה ומפרה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז די אלע וואס דארפן האבן א ברכה, זאלן געהאלפן ווערן מיט זרעא חיא וקיימא. דער אייבערשטער זאל זיי געבן, אז אין זכות פון די פיש וואס מען עסט, זאלן זיי זוכה זיין דערצו. דער באשעפער זאל זיי געבן, זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט וואס זיי דארפן צו האבן. מזל אדר דגים, דער מזל פון דעם חודש איז דגים. דגים ווי אזוי מען דרייט אים, איז ער גוט. ווייל אז מען נעמט א 'דג', און מען דרייט אים אויס, ווערט עס 'גד', און גד איז אויך א מזל, בא גד (בראשית ל-יא), ווערט א מזל דערפון. קומט אויס אז דגים האבן אין זיך א ברכה. ווי אזוי עס קומט אויס, ווי אזוי מען דרייט זיי, קומט אלץ אויס א סימן ברכה. זאל דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז אלע וואס עסן פון די פיש, זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן צו האבן. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבם לטובה ולברכה.

*

♦ באמצע עריכת השלחן אמר **רבינו שליט"א**: א יוד האט מיר היינט געזאגט א זאך, וואס האט מיר געגעבן זייער א קוועטש אין הארץ, ווען איך האב עס געהערט. ער האט נאכגעזאגט פון א גרויסן מומחה, אז **רוב יונגעלייט היינט, ווען מען זאל זיי פרעגן צו זיי בענקען זיך אויף זייערע בחור'ישע יארן, וואלט זיי געענטפערט, ניין.** עס האט מיר זייער וויי געטון צו הערן אזעלכע דיבורים.

**איך** האב אים געזאגט, אז **איך בענק זיך יא צוריק אויף מיינע בחורישע יארן!** איך בענק זיך יא צוריק דערויף! טעג וואס מען איז געזעסן על התורה ועל עבודה, מען האט נישט געהאט קיין שייכות מיט אלע ענינים וואס עס איז דא היינט אויף די וועלט. עס איז געווען אזוי הייליג, אזוי ערליך. איך האב געלערנט אין נייטרא, אין א מקום וואס איז געווען אפגעזונדערט פון די וועלט. עס איז געווען א מחיה!

הלוואי זאל מען קענען היינט האבן אזעלכע הייליגע טעג, ווי מען האט דעמאלטס געהאט.

**פארוואס זאג איך עס? פארוואס רעד איך דערפון? ווייל עס זיצן דא אסאך בחורים, און איך וויל נישט אז זיי זאלן שפעטער אין זייער לעבן זאגן, אז זיי בענקען נישט אויף די הייליגע טעג וואס זיי האבן געהאט אין ישיבה. עטץ זאלטס וויסן, אז עס איז די שענסטע טעג אין ענקער לעבן. אוודאי, עס קען אמאל זיין שווער, מען האט היינט מער נסיונות פון וואס מען האט געהאט אמאל. עס איז דא היינט מער פרעשע"ר ווי מען האט געהאט אמאל. אמת, עס איז דא משגיחים, און מגיד שיעורים. אונז האב מיר געהאט משגיחים? מיר האבן נישט געהאט גארנישט. מען האט אונז געלאזט לעבן. אבער, מען האט נישט געדארפט האבן קיין משגיחים! אונז האב מיר פארשטאנען די חשיבות פון די יארן צו זיצן און צו לערנען צו דינען דעם אייבערשטן.**

**עס** איז פאר יעדן איינעם געבענטשט די יארן וואס מען איז אין ישיבה. עס וועונדט זיך נאר ווי אזוי מען נוצט עס אויס. עס קען זיין אז עס זאל זיין א דיזעסטע"ר, און עס קען זיין עס זאל זיין די שענסטע יארן אין ענקער לעבן. נישט קוקן אויף אלע זאכן ארום און ארום, נאר אויסנוצן ווילאנג מען האט די צייט! מען האט נישט קיין דאגות הפרנסה, מען גיט ענק די געלעגנהייט צו זיצן און לערנען און קונה זיין תורה, קונה זיין יראת שמים, אויפבויען א לעבן וואס זאל זיך אפשפילן אויף ענקער גאנצע לעבן ווי אזוי מען האט זיך אויפגעפירט אין די יארן. עס איז נישט דא קיין שענערס פון דעם. חזקו ואמצו ויאמץ לבבכם! נוצט אויס די שיינע יארן וואס מען האט אין די ישיבה! אויסנוצן די טעג צו שטייגן אין תורה און יראת שמים, אויסנוצן יעדע מינוט אין טאג וואס מען האט, זיך אוועקצוגעבן, נאך עפעס אויפצובויען, נאך מער אויסצושטייגן, מען זאל קענען אויסוואקסן מיטן אייבערשטן'ס הילף ווי עס דארף צו זיין.

**יעדער בחור האט א פאטענש"ל אויסצווואקסן א גדול בישראל! א גדול בישראל באמת, וואס זאל קענען משפיע זיין תורה און יראת שמים.** איך בין געווען א פשוט'ער בחור אין ישיבה, איך האב נישט געהייסן פון די מופלגים אין די ישיבה. און אסאך

זענען געווען מער פון מיר. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך בין צוגעקומען צו וואס איך בין צוגעקומען. יעדער קען צוקומען דערצו! אויסנוצן די צייט צו וואקסן אין תורה און יראת שמים, נישט אינזין האבן עפעס אנדערש, נאר צו קענען שטייגן און וואקסן.

*

**איך** רעד ווייניג פון מיר, עס פאסט נישט צו רעדן. אלץ בחור האב איך אסאך געקענט פון תורת חב"ד, איך האב אסאך געקענט פון תורת ברסלב, איך האב געקענט אסאך תורות פון די ליטווישע, די **מדרגות האדם** פון **רבי יוזל** בין איך אדורכגעגאנגען אינגאנצען. מען האט געזוכט קונה צו זיין, מען האט געזוכט צו לעבן, מען האט געזוכט צו וואקסן. און איבעראל קען מען טרעפן א דבר טוב, וואס מען קען דערפון וואקסן. איך בין נישט היינט קיין ליובאוויטשער, איך בין נישט היינט קיין ברסלב'ער, אבער די נקודות טובות וואס איך האב ארויסגענומען פון אלע מקומות, האב איך מיטגענומען מיט מיר. מיט דעם בין איך געוואקסן, מיט דעם בין איך געשטיגן. **איך האב זיך געדרייט ביי צדיקים, ביי ערליכע יודען, כל ימי חיי בין איך געווען בטל ומבוטל צו די צדיקים וקדושים וטהורים פונעם פריער'דיגן דור. יעדער צדיק האט ביי מיר איבערגעלאזט א געוואלדיגען רושם, וואס איך קען עס נישט אפ'משל'ן פארן היינטיגן דור.** איך קען עס ענק נישט איבערגעבן. איך קען ענק נישט פארציילן ווי אזוי איך האב מיטגעלעבט דערמיט, און ווי אזוי איך האב קונה געווען פון אלעם וואס איז געווען.

**עטץ** זענטס א רחמנות! א אמת'דיגע רחמנות! עס איז נישט דא היינט דאס וואס מיר האבן געזעהן. אבער **דור דור ודורשיו, וואס עטץ האטס יעצט, וועט עטץ קיינמאל נישט זעהן שפעטער! עס וואקסן נישט אויס אזעלכע פירות וואס איז געווען אין פריער'דיגן גארטן. עטץ זאלטס נישט מיינען אז עס קען זיין שפעטער בעסערס. בעסערס וועט נישט זיין, עס קען נאר זיין שוואכערס. זיך פרייען מיט וואס מען האט, און מיט וואס מען קען. מען זאל זוכה זיין, זיך מדבק צו זיין אין ערליכע יודען, אין צדיקים, פרובירן צו גיין אין זייערע וועגן. עס איז נישט קיין חילוק דער נאמען, נישט קיין חילוק ווי אזוי די גאס נעמט זיי אן, די אלע זאכן זענען שטותים והבלים! עס איז אלעס נישט מסטרא דקדושה. מסטרא דקדושה איז, מען טוט זיך מדבק צו יעדן ערליכן יוד וואס מען קען. זיך פרייען אז מען קען קונה זיין. און זיך פרייען אז מען האט פון וואו מקבל צו זיין.**

**יעדער** מקום האט א געוויסע נקודה, וואס מיט דעם איז ער מער ווי א צווייטער. עס איז נישט שייך צו זאגן אז איינס איז מער פון א צווייטן, ווייל מען דארף ארויסנעמען פון יעדן מקום, די שענסטע נקודה וואס זיי האבן, און דאס זאל מען קונה זיין. און אין דעם איז דא היינט אן ערבוביא, אז מען קען נישט. מען מיינט אז ווען מען שטייט אויף איין פלאץ איז מען אויף איין פלאץ, און מען קען נישט קונה זיין פון א צווייטען מקום. איך קען זאגן פון מיין עקספיריענ"ס, **איך האב ב"ה קונה געווען פון יעדן מקום!** דער רבונו של עולם האט נישט באנקראטירט, ער האט אסאך און אסאך מדריגות אין כלל ישראל. און דער רבונו של עולם שיקט צו יעדע עדה, דעם וואס זיין שורש איז פון דארט, און פון אים זענען זיי קונה. אבער אין פנימיות איז דא אין יעדע עדה א געוואלדיגע נקודה פון קדושה וואס מען געפינט נישט ביי א צווייטן. און אז מען האט שכל [יעדער רעדט זיך איין אז ער האט...], זוכט מען ארויסצונעמען וואס איז נוגע פאר זיין שורש נשמה, וואס ער קען ארויסברענגען פון דארטן, א זאך וואס איז נוגע פאר אים. איך קען זאגן אויף מיר, איך האב פון איבעראל קונה געווען א געוויסע נקודה פון קדושה! און איך קען אזויפיל זאגן, וואס עס איז נוגע היינט פאר בחורים און פאר יונגעלייט, מען זאל וויסן, אז ווען מען קומט אויף א מקום, זאל מען פרובירן קונה צו זיין פון דארטן די איידלקייט וואס מען האט אין דעם חלק, און פרובירן זיך צוצושטעלן צו דעם. עס איז לא ראוי זה כראוי זה, יעדער צדיק האט אן אנדערע מדריגה, עס איז נישט שייך צו זאגן, אז צוויי צדיקים זאלן זיין דערהויבן אין די זעלבע מדריגה. עס איז דא א געוויסע נקודה וואס איין צדיק האט מער ווי א צווייטער. און פרובירן ארויסצוברענגען ביי זיך ביי יעדן צדיק וואס זיין מהות אין קדושה איז, וואס ער קען פון דעם קונה זיין.

**און** דאס קען יעדער איינער קונה זיין ביי זיין רבי'ן, און ביי אנדערע צדיקים, קונה זיין די געוויסע שיינע

נקודה וואס ער האט! נישט זיך קונה זיין די אלע זייטיגע זאכן ארום און ארום, וואס די גבאים, מיט די צייטונגען, מאכן ארום און ארום. נישט דאס איז די נקודה. דער צדיק איז א צדיק פאר זיך אליין, נאר מען קען אים אסאך מאל פארפירן, נישט אים אליין, נאר די בילד ארום און ארום קומט ארויס, נישט וואס ער איז באמת בתוכו! און דאס דארף מען פרובירן זיך קענען מצמצם זיין, און וויסן ארויסצונעמען פון יעדן ערליכן יוד וואס מען קען.

*

**איך** זאג עס וועגן דעם, עס האט מיר באמת זייער וויי-געטון ווען איך האב געהערט, אז א בחור זאל זיך נישט בענקען צו זיינע בחור'ישע יארן. עטץ ווייסט וואס דאס מיינט, אז מען זאל אדורכגיין די בחורישע יארן, און זיך נישט בענקען דערויף?! פארוואס זאל מען נישט אויסנוצן די יארן צו דינען דעם אייבערשטן? אויסנוצן די יארן מען זאל זיך קענען מתגבר זיין, און זיך קענען מחזק זיין, און קענען צוקומען צו וואס א יוד דארף צוקומען דערצו. עטץ זענטס יונגע קינדער, עטץ זענטס אזוי ווי א נטיעה וואס מען פלאנצט יעצט איין. ווי אזוי מען פלאנצט עס איין, אזוי וועט עס בלייבן שפעטער. יעדער בוים ווי אזוי מען פלעגט עס אין די יוגנט, אזוי בלייבט עס אויף שפעטער. עטץ האטס זייער אסאך פאטענשל"ס, זייער אסאך מעגליכקייטן.

**ברוך ה', בחורים זיצן און לערנען, מען פלאגט זיך אויף תורה, מען פלאגט זיך אויף ערליכקייט, אויף יודישקייט. און עס קומט נישט אן גרינג, עס איז שווער. אבער אשריכם מה טוב חלקיכם! נעמטס עס נישט פאר גרענטע"ד! עטץ זאלטס וויסן, עטץ זענטס חשובע בחורים! עטץ זענטס חשובע יודען וואס קענען אויסוואקסן שפעטער צו זיין מרביצי תורה בישראל! אויסנוצען די הייליגע יונגע יארן וואס מען האט! אויסנוצן יעדע מינוט אויף לערנען סדרי ישיבה; לערנען ובהם נהגה; לערנען חומש רש"י. ב"ה עס איז דא א גרויסער ציבור וואס שטעלט זיך דערצו, צווישן יונגע בחורים, דאס וועט זיין ענקער עתיד אויף שפעטער אויך.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מיר זאלן זיך קענען מתחזק זיין, און קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. מיר זאלן זוכה זיין אויסצונוצען אונזערע יונגע יארן, זיך קענען מדבק זיין צום רבונו של עולם. **יעדער פון ענק זאל מתפלל זיין, און בעטן: רבונו של עולם, איך זאל נישט דארפן זאגן, אז איך בענק זיך נישט צוריק אויף מיינע יונגע יארן.** דאס איז א געוואלדיגע ברכה. איך האב עס נישט משיג געוועזן אליין, ביז איך האב עס נישט היינט געהערט! מען זאל קענען היינט זאגן אויף בחורים, אז זיי בענקען זיך נישט צוריק אויף די יונגע יארן?! איך מיין, מען זאל אדורכגיין דעם עלטערער דור, רובא דרובא וואלטן עס נישט געזאגט! זיי וואלטן געזאגט, אז זיי בענקען זיך צוריק אויף די יונגע יארן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, עס זאל זיין אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו! מען זאל האבן אזעלכע יונגע יארן, וואס מען זאל זיך נישט דארפן שעמען אויף דער עלטער. די וואס זענען שוין אדורכגעגאנגען דעם זמן, אשרי זקנתינו שכיפרה על ילדתינו. **ווען א מענטש קומט אויף דער עלטער, ווערט מען דאך באזעסן, מען פארשטייט שוין, אז הבלי עולם הזה איז נארישקייטן. וואס מען האט אמאל געמיינט, אז דאס איז די גליק אינעם לעבן, פארשטייט מען היינט אז נישט דאס איז די גליק אינעם לעבן. דאס גליק אין לעבן איז, אז מען איז זוכה זיך מדבק צו זיין אין תורה, אין עבודה, אין יראת שמים, דאס וועט אונז בלייבן אויף נצח נצחים, שטענדיג, לעולמי עולמים ולעולמי עד.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען זוכה זיין אויסצונוצן אונזער לעבן, כדי צו קענען דערהויבן ווערן אין תורה און עבודת ה'. דער באשעפער זאל אונז געבן, מיר זאלן קענען זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט א שמחה. עבדו את ה' בשמחה, בואו לפניו ברננה, זיך פרייען אויף די זכיה וואס מיר האבן, אז מיר קענען דינען דעם אייבערשטן. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

*

**טייערע** בחורים, מען האט פריער גערעדט, צו א בחור איז גליקליך מיט זיין לעבן, צו נישט. עס איז אין ענקערע הענט. עטץ קענטס מאכן אז ענקערע בחורישע יארן זאלן זיין די שענסטע יארן אינעם

לעבן! אויסנוצען יעדע צייט פאר תורה און עבודת ה'. עטץ זאלטס וויסן, אז דאס איז די שענסטע זמן וואס מען האט אינעם לעבן. עטץ האטס נישט קיין דאגות פון פרנסה, מען האט נישט קיין זאכן וואס שטערן. אז מען וויל זיך מקדיש זיין פארן אייבערשטן, קען מען זיצן און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט, אויסנוצען אויף די שיעורים פון די ישיבה, אויסנוצען אויף 'ובהם נהגה', אויסנוצן אויף חומש רש"י. ב"ה בחורים לערנען פלייסיג, און זיי פרובירן צו טון די בעסטע, וויסן אז מען קען זייער אסאך שטייגן, אויסנוצן זייערע יונגע יארן פאר תורה און עבודת ה'.

**דער** רבונו של עולם זאל העלפן ביי אונז אלע, אונז זאלן מיר זוכה זיין מיטצונעמען פון דעם פורים, די השגחה פרטית וואס עס איז דא פונעם רבונו של עולם אין יעדע זאך וואס דער מענטש טוט. און דאנקען דעם אייבערשטן שטענדיג, על נסיך ועל נפלאותך ועל טובתך שבכל עת. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

♦ כשחזר **רבינו שליט"א** דברי תורה מהרה"ק **בעל אמרי אמת זצ"ל**, הוסיף ואמר: איך האב זייער ליב די ווערטער פונעם אמרי אמת, ווייל אלע זיינע ווערטער זענען אין פשטות של תורה.

דער גור'ער רבי, דער **אמרי אמת**, האט געהאט דריי קינדער וואס זענען געווארן רבי'ס. דער **בית ישראל** איז געווען דער ערשטער רבי, וואס נאכן אמרי אמת איז ער געווארן דער רבי. איך האב געהאט א זכיה אז איך האב אים געקענט, איך בין געווען ביי אים אין שטוב. ווען דער בית ישראל איז אוועק, איז זיין ברודער, דער **לב שמחה**, געווארן דער רבי. נאכדעם איז געווארן דער רבי, דער **פני מנחם**, וואס איז געווען א יונגערער ברודער פון אלע. ער איז נישט געווען פון איין מאמע, דער פני מנחם איז געווען פון די זיווג שני פונעם אמרי אמת. [אחד מהמסובים העיר שהיארצייט הוא למחר ביום ט"ז אדר, והפטיר **רבינו**: אזוי?! זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע! דער **פני מנחם** איז געווען א דערהויבענער יוד].

**דער בית ישראל** איז געווען זייער א שטרענגער. ער האט געפירט דעם עולם מיט א געוואלדיגן אימה, און מיט א געוואלדיגע דערהויבענקייט. דער **לב שמחה** איז געווען גאר פארקערט, ער איז געווען זייער א צוגעלאזענער מענטש. און דער **פני מנחם** איז געווען נאך מער צוגעלאזענער. ער איז געווען קודם דער ראש ישיבה, און שפעטער איז ער געווארן דער רבי. ווייל **יעדער דור דארף האבן א רבי'ן וואס איז צוגעפאסט צו זיין דור.** דער **בית ישראל** איז געווען דער רבי נאך די קריג, ער האט געדארפט צוריק אויפבויען די גור'ער חסידות, האט ער געדארפט האבן אזא שטרענגקייט אין זיך. ער האט שטענדיג געטיילט פסקים, שטענדיג פארגעווארפן אז עס איז נישט גענוג; מען איז נישט גענוג יוצא. דער **לב שמחה** ער איז געווען א בעל הבית ביז כמעט סוף ימיו, און זיין הנהגה איז שוין געווען מער א צוגעלאזענער הנהגה. דער **פני מנחם** איז געווען א ראש ישיבה, ער האט מער פארשטאנען די יונגווארג, איז ער געווען נאך מער צוגעלאזענער צו זיינע חסידים.

**איך** זאג עס נאך, כדי מען זאל וויסן, ווי אזוי עס איז דא א חשבון פון הימל. דער גור'ער רבי, דער אמרי אמת, זצ"ל, איז געווען א רבי פאר די קריג פאר צענדליגער טויזענטער חסידים אין פוילן. ביי די קריג זענען כמעט אלע זיינע חסידים אומגעקומען, פוילן איז דאך געווען דער עיקר וואס זענען אוועקגענומען געווארן. דער אמרי אמת האט געשריבן א צוואה בחייו, פאר די קריג, אז ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, זאלן די קינדער נישט ווערן רבי, נאר מען זאל איבערגעבן דאס רבי'סטעווע פאר זיין ברודער. ער האט געהאט א ברודער רבי משה בצלאל, ער איז געווען א אדם חשוב מאוד. און דער אמרי אמת האט געהאלטן אז דער ברודער איז מער ראוי צו מנהיג זיין די עדה. האט ער נישט געקוקט אויף זיינע קינדער, ער האט אוועקגעגעבן די רבי'סטעווע, אז נאך זיינע הונדערט און צוואנציג יאר, זאל דער רבי משה בצלאל ווערן רבי.

**דער** רבי משה בצלאל איז אוועק ביי די קריג, און עס איז נישט געבליבן פון אים גארנישט. שפעטער האבן די קינדער איבערגענומען די רביסטעווע. ווייל דער אמרי אמת האט געהאט א טובת עין, אוועקצונעמען א רבי'סטעווע פון זיינע קינדער, און עס איבערגעבן פאר א ברודער וואס זאל זיין דער מנהיג ביי יודען. האט אים דער אייבערשטער באצאלט, אז אלע זיינע דריי קינדער זענען געווארן

רבי'ס! - אזוי שטייט פונעם **אמשינאוו'ער רבי שליט"א**, אז ער האט געזאגט פארן **פני מנחם** - דיין טאטע האט מוותר געווען דאס רבי'סטעווע פון זיינע קינדער, און עס איבערגעגעבן פאר א צווייטן, ווייל ער האט געקוקט בלתי לה' לבדו! עס איז נישט דא קיין אייגענע געפילן, עס איז נאר דא געפילן פונעם רבונו של עולם. און אז רבי משה בצלאל איז מער ראוי, זאל ער איבערנעמען זיין רבי'סטעווע. האסט מוותר געווען אויף דיינע קינדער, האט אים דער אייבערשטער באצאלט, אז אלע דריי קינדער זענען געווארן רבי. קודם דער **בית ישראל**, נאכדעם דער **לב שמחה**, און נאכדעם דער **פני מנחם**.

*

♦ אחר הדברי תורה של 'ומרדכי ידע' (נדפס בגליון 'דברי תורה') המשיך **רבינו שליט"א** ואמר: עס איז נישטא היינט קיין גלה סודו ליראיו, מען לעבט אין א שווערן דור, אין א שווערן מצב. אוודאי איז דא גלה סודו ליראיו אויף א געוויסע נקודה, אבער נישט אויף דעם וואס מיר זאלן וויסן באמת, וואס מיר האבן צו טון, און וואס מיר האבן זיך אהערצושטעלן פארן אייבערשטן. אבער **וואס מיר דארפן טון איז נאר, צו וויסן איין זאך; טון דעם רצון ה'! ביי יעדע זאך וויסן וואס איז דער רצון ה' אונז זאל מיר טון, און דאס דארפן מיר טון. ווען א יוד פירט זיך בדרכי ה', השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך, ער ווארפט זיך ארויף אויפן אייבערשטן. איך ווייס גארנישט, דו רבונו של עולם דו ווייסט אלעס. איך ווארף מיך ארויף אויף דיר, דו ווייסט די בעסטע וואס עס איז גוט פאר מיר, איך בין מסכים דערצו, און איך וויל דאס וואס דו ווילסט אז עס זאל מיר זיין גוט!**

**מענטשן זענען קיינמאל נישט צופרידן, ווייל עס קען דאך נישט זיין ביי א מענטש, אז אלעס זאל אים גיין גוט. עס איז דאך נישט דא קיין מציאות אויף דער וועלט אזא זאך, אז עס זאל זיין פאר א מענטש נאר כולו טוב.** יעדער מענטש האט וואס אדורכצוגיין, און אוודאי וואס דער אייבערשטער טוט, איז לטובה פונעם מענטש, וואס עס איז פאר זיין תכלית. פאר זיין אמת'דיגע טובה, איז וואס דער רבונו של עולם טוט, איז גוט. השלך על ה' יהבך, **גלייב אז דער רבונו של עולם ווייסט וואס פאר דיר איז גוט, און ווארף דיך ארויף אויף אים. רבונו של עולם אז עס איז גוט פאר דיר, איז עס גוט פאר מיר. אז דו ביסט צופרידן מיט דעם מצב, בין איך אויך.**

**מען דארף דאווענען און מען דארף מתפלל זיין, און יעדער דארף מתפלל זיין. יעדע זאך וואס קוועטשט אים, דארף ער האבן א תפלה צום רבונו של עולם, אבער נישט מער! תפלה. בעטס צום רבונו של עולם, און אז דער אייבערשטער וועט עס געבן, איז גוט, און אז דער רבונו של עולם וועט עס נישט געבן, איז אויך גוט. וויסן אז דער רבונו של עולם טוט די בעסטע וואס עס איז גוט פאר'ן מענטש. און דער אייבערשטער איז דער טוב לכל, ער איז גוט צו יעדן איינעם.**

**ווען עס קוקט אויס שלעכט, איז אויפן מאמענט קוקט עס אויס שלעכט, אבער שפעטער איז עס גוט.** גאנץ מגילת אסתר איז צוזאמגעשטעלט אזוי, עס האט אויסגעקוקט זאכן וואס עס איז נישט געווען גוט, און יעדער פרט דערפון האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז געווען לטובה. און עס איז ביי יעדן מענטש אזוי. דארף מען דאנקען דעם רבונו של עולם אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז. וויסן אז דאס איז די אמת'דיגע טובה וואס דער רבונו של עולם פארשטייט אז עס איז גוט פאר אונז, און מיטלעבן דערמיט. אונז דארף מיר זיך ארויף ווארפן אויפן רבונו של עולם. דו ווייסט די בעסטע, פאר דיר איז עס גוט, איז עס פאר אונז אויך גוט.

**והטוב** בעיניך עשה, וואס עס איז גוט אין דיינע אויגן טו. **מיר זענען מתפלל, מיר דארפן טון וואס מיר דארפן צו טון, און נישט צעבראכן ווערן בשעת עס ווערט נישט נתקבל די תפלה. מען זאל נישט ווערן אן א מוט, בשעת מען האט נישט וואס מען דארף צו האבן.** דער רבונו של עולם גיט עס, מוז עס זיין גוט, עס איז נישט שייך עס זאל נישט זיין גוט. דער רבונו של עולם טוט נישט קיין שלעכטס פאר יודען. עס איז נישט מעגליך אז א טאטע זאל טון שלעכטס פאר א קינד. אז דער רבונו של עולם איז אונזער טאטע, אבינו אתה! בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), מיר זענען קינדער פארן אייבערשטן! אז דער אייבערשטער טוט עס פאר אונז, איז א סימן דאס איז די גרעסטע טובה. **אונז דארף מיר שטענדיג זיין פריי'ליך, שטענדיג זיין בשמחה, ווייל אונז זאל מיר**

**וויסן, אז מיר זענען אין די הענט פונעם אייבערשטן, און וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, איז גוט!**

*

**מען** זאגט אז א יוד דארף זיין שטענדיג בשמחה. **ווי אזוי קען ער זיין שטענדיג בשמחה? ווער קען עס מיר מסביר זיין? עס קוועטשט דאך אים זאכן?** ער וואלט געוואלט א שידוך, ער וואלט געוואלט פרנסה, ער וואלט געוואלט נחת ביי די קינדער, ער וואלט געוואלט האבן שלום בית. און נישט אייביג האט ער עס, וואס איז טייטש ער זאל זיין בשמחה? וואס איז טייטש ער זאל זיין פריילין? ער איז נישט פריילין! עס פעלט אים די שמחה. ווי אזוי קען ער זיין בשמחה? וואס קען אים ברענגען די מוט פון שמחה? שמחה איז דאך א מוט פונעם מענטש, ווי אזוי קומט ער צו שמחה?

**ווען א יוד גלייבט, אז וואס דער רבונו של עולם טוט, איז נאר גוטס. עס איז נישט שייך דערין קיין שלעכטס, מאתו לא תצא הרעות, פונעם אייבערשטן קומט נישט קיין שלעכטס. איי ער זעהט עס נישט, ער פארשטייט עס נישט. 'ער' פארשטייט עס נישט, אבער עס מיינט נישט אז עס איז שלעכט ווייל ער פארשטייט עס נישט. אסאך און אסאך גוטע זאכן פארשטייט ער אויך נישט. ווען מען ווערט עלטער זעהט מען, אז אסאך זאכן פון די יונגע יארן וואס מען האט געמיינט אז עס איז נישט גוט, האט זיך אויסגעשטעלט שפעטער אז עס איז געווען לטובה. ונזכה ונחיה ונראה ונירש טובה וברכה, מען דארף שטענדיג געדענקען, אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז פאר אונז גוטס. מען דארף שטענדיג לעבן דערמיט, און וויסן אז מאתו לא תצא הרעות, פונעם אייבערשטן קומט נישט קיין שלעכטס. טאמער זעהסטו א פראבלעם, איז דער פראבלעם אין דיר! דו האסט נישט די אמת'דיגע הכרת הטוב פארן רבונו של עולם. ווען דו זאלסט זיך מתבונן זיין וויפיל חסד דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר, וויפיל גוטס דער רבונו של עולם האט געטון מיט דיר. דו ביסט געזונט, האסט ב"ה א שידוך, דו האסט ב"ה א ווייב מיט קינדער, דו האסט ב"ה פרנסה. קוק אויף די גוטע זאכן וויפיל דער רבונו של עולם האט דיר געגעבן! ווען דו זאלסט קוקן אויף די גוטע זייט, וואלסטו געשטאנען און געשפרינגען פאר שמחה שטענדיג! וויפיל מענטשן האבן נישט וואס דו האסט, וויפיל מענטשן פעלט זיי דאס וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן. ווען דו וועסט זיך פרייען, און קוקן אייביג אויף די גוטע זייט, קוק נישט אויף די האלבע גלאז וואס איז ליידיג, קוק אויף די האלבע גלאז וואס איז פול, וואס דער רבונו של עולם האט דיר יא געגעבן. און ווער האט נישט א גאנצע ליסט אויסגערעכנט פון ווען ער איז געבוירן געווארן ביז היינט, וואס אנדערע האבן נישט, און פאר דיר האט דאס דער אייבערשטער געגעבן! פריי דיך דערמיט, קוק שטענדיג אויף די גוטע זייט, פריי דיך מיט די שמחה, וועסטו נישט קוקן אויף די פראבלעמען וואס עס פעלן דיר. ווייל די פראבלעמען זענען א קליינע חלק פון דעם וואס עס פעלט דיר. אסאך מענטשן האבן אסאך און ווייניגער וואס דו האסט. פריי דיך וואס דו האסט! זיי בשמחה! לעב אויף דיין מוט צו לעבן מיטן רבונו של עולם בשמחה! ווייל דער אייבערשטער גיט פאר יעדן מענטש די בעסטע וואס ער שפירט אז עס איז די טובה פארן מענטש.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די שמחה פון פורים זאל אונז מיטברענגען שמחה און פריילַכקייט אויף א גאנץ יאר שפעטער. ונזכה ונחיה ונראה, מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

♦ כשהגישו לפני **רבינו שליט"א** המתנה של בחורי הישיבה, קופסת בשמים של כסף. ושעות רצופות מאת תלמידי כתה ט' של הת"ת בוומסב"ג, הגיב **רבינו שליט"א:** איך וויל באדאנקן פאר אלע בחורים. מען האט מיר צוגעגעבן צו מיין שמחת פורים. סיי די וואס האבן געקויפט די מתנה, סיי די וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די שעות רצופות, עס איז ביי מיר באמת זייער חשוב. עס איז ביי מיר א געוואלדיגע הנאה דאס וואס מען איז זוכה אז מען קען מרביץ תורה זיין צווישן בחורים, און זיי אויפשטעלן אויף דרכי התורה והיראה. כי הם חיינו ואורך ימינו, אלע אנדערע זאכן זענען שטותים מיט הבלים. **דאס זענען מיינע חשוב'סטע שעות אין מיין לעבן וואס איך האב,** אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה דערצו.

**איך** דאנק פאר די אלע בחורים וואס זענען מכיר טוב, און זיי האבן מיר געגעבן די מתנה. בשמים איז זייער א שיינע מתנה, ווייל עס שטייט אין די גמרא (חולין קלט:) אז מרדכי איז מר דרור (שמות ל-כג), עס ווייזט אויפן ענין פון בשמים, וואס בשמים איז דאך חוש הריח. אלע חושים זענען נפגם געווארן ביים חטא פון אדם הראשון, אבער חוש הריח איז נישט נפגם געווארן. איזהו דבר שהנשמה נהנת בה, זאגט די גמרא (ברכות מג:), דאס איז נאר ריח. ריח איז א הנאה וואס דער גוף איז נישט נהנה דערפון, נאר די נשמה. כל הנשמה תהלל י-ה הללויה. עס איז א זאך וואס הנשמה נהנת מהם, עס איז א זאך וואס איז פארבינדן אן קיין שורש פון גופים, נאר מיט די נשמה. איך וויל באדאנקן פאר די אלע בחורים וואס האבן מיר געגעבן די שיינע מתנה. איך בין זיי מכיר טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן, איך זאל זיי געדענקען יעדן שבת, וואס כל ברכאין דלעילא ותתא ביומא שביעה תליין, אלעס איז תלוי אינעם שבת.

**די** בחורים פון כתה ט׳ וואס זיי האבן צוגעשטעלט די שיינע מתנה פון שעות רצופות, זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען אי״ה ווייטער אויך לערנען שעות רצופות. כי הם חיינו ואורך ימינו, וויסן אז זייער גליק איז נאר אין תורה אין עבודת ה׳. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עטץ זאלטס געבענטשט ווערן, מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן.

*

♦ אחר ששרו הניגון אשרנו מה טוב חלקנו עם נבל וכינור, הגיב **רבינו שליט״א:** יישר כח פאר די בעלי מנגנים, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתינו. אמאליגע חסידים פלעגן צו זאגן, אשרינו מה טוב חלקינו, גליקליך זענען מיר, אז מיר זענען יודען. ומה נעים גורלנו, אז מיר זענען חסידים. ומה יפה ירשתינו, אז מיר זענען חסידים פון דעם רבי׳ן. יעדע חסידות האט עס אויסגענוצט אויף זיין חסידות, און אלע זענען געווען אמת. יעדער יוד דארף טרעפן א פלאץ, ער זאל פילן זיין חיות, און דאנקען דעם רבונו של עולם. אשרינו מה טוב חלקינו; ווי גליקליך איז, אז מיר זענען יודען. ומה נעים גורלינו; דער אייבערשטער האט אונז צוגעשטעלט, אז מיר זענען חסידים. חסידים מיינט צו זאגן, אז מען ארבעט אויף עבודת ה׳, מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם. ומה יפה ירשתינו; יעדער יוד דארף זיך פילן גליקליך אין די סביבה וואס ער איז. און דאנקען דעם רבונו של עולם, אז זיין שורש נשמה איז, וואו דער באשעפער האט אים צוגעשטעלט צו דעם מקום, דארף ער דאנקן דעם אייבערשטן, מה יפה ירשתינו.

**די** בעלי מנגנים האבן זייער שיין משמח געווען. ווען איך זאג תהלים טראכט איך אייביג, כאילו דוד המלך שטייט מיט זיין פידל, און ער זאגט די ווערטער פון תהלים. דוד המלך האט געהאט א כינור, און אויף דעם האט ער אזוי געפידלט זיין נגינה צום אייבערשטן. ער האט נישט געזאגט תהלים סתם אזוי אין בית המדרש נאכן דאווענען. ווען ער האט געפילט א התרוממות צום רבונו של עולם, האט ער אפירגענומען זיין פידל, און ער האט אנגעהויבן אזוי שיין צו זינגען: למנצח מזמור לדוד וכו׳, מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, ארוממך ה׳ כי דלתינו ולא שמחת אויבי לי. יעדע ווארט וואס ער האט ארויסגעזאגט, איז געווען מיט אזא נגינה, מיט אזא הארציגקייט פארן רבונו של עולם. אזוי דארף מען זאגן תהלים. מען דאנקט דעם אייבערשטן, רבונו של עולם, זאגן עס, נישט אפגעזאגט, פיל עס מיט א נעימות, מיט א בא׳טעמ׳טקייט, דאנק דעם רבונו של עולם וויפיל גוטס ער האט דיר צוגעשטעלט.

**דוד** המלך האט נישט געהאט קיין גרינג לעבן, ער האט געהאט זייער א שווער לעבן. פון זיינע יונגע יארן אן, איז ער געווען זייער בשפל המצב. דער פאטער האט אים מרחק געווען, די ברודערס האבן אים מרחק געווען. ביז עס איז געקומען שמואל, און ער האט אים אויסגעקליבן ער זאל זיין דער בחיר ה׳. נאכדעם האט ער געהאט צו טון מיט אבשלום. און ער האט געהאט צו טון מיט די איבריגע קינדער, און ער איז אנטלאפן פון זיין מלכות. אבער ער האט שטענדיג געזאגט שירה, געקוקט אויף זיין גוטע זייט, געקוקט אויף פריילעכקייט. ער האט זיך אפירגענומען זיין פידעלע און אזוי שיין געזינגען.

**ווען איך וואלט געקענט זינגען אויף א פידל, וואלט איך געזינגען א גאנצן טאג. מען קען זינגען און דאנקען דעם רבונו של עולם, זינגען און דאנקען**

**פארן אייבערשטן, נישטא קיין שענערס פון דעם. איך בין דאך א עם הארץ, איך קען דאך נישט, אבער על כל פנים אנדערע וואס קענען יא, דארפן זיין דאנקבאר פארן אייבערשטן אז זיי קענען ארויסגעבן זייערע געפילן אין כלי נגינה, און דאנקן פארן רבונו של עולם, ווי חשוב דאס איז.**

**איך** בין בעצם נישט קיין בעל מנגן, איך קען נישט זינגען, אבער **דער רבונו של עולם האט צוגעשטעלט יודען וואס האבן אזא שיינעם קול, און זיי קענען אזוי שיין זינגען, זיי קענען אזויפיל אופהייבן דעם כבוד ה' אין א בית המדרש. בשעת זיי שטעלן זיך צו, און זיי געבן ארויס זייער קול נעימה און זמרה. מען זאגט אין יעדען בית המדרש לכה דודי, מען זאגט אין יעדען בית המדרש א-ל אדון, אין יעדן בית המדרש קומט מען זיך צוזאם שלש סעודות און מען זינגט. האלטן פאר א חשיבות, דו קענסט דערהייבן דעם אייבערשטן מיט דיין קול וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן. כבד ה' מגרונך, דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א גרון, נוץ עס אויס! פארוואס האט ער עס דיר געגעבן? דו זאלסט זינגען אינדערהיים? דו זאלסט זיך קענען אונטערהאלטן?! ער האט עס דיר געגעבן, דו זאלסט עס קענען ארויסגעבן פארן רבונו של עולם. מען דארף זיין גליקליך און פריילך, אז מען קען זיין פון די וואס טוען ארויסגעבן זייער נעימות פארן אייבערשטן מיטן קול. ווי שיין וואלט געווען, ווען די וואס קענען זינגען, שטעלן זיך צוזאם און זיי זינגען פארן רבונו של עולם. ווען מען קען ארויפברענגען דעם שיר ה' אין בית ה', מיט זמירות ותשבחות פארן רבונו של עולם, ווי שיין עס איז. עס איז נישט דומה א בית המדרש וואו מען קומט אריין, און דער לכה דודי איז אזוי אפגעזאגט, סתם ווייל מען דארף עס זינגען. דער א-ל אדון איז אפגעזאגט, ווייל מען דארף עס זאגן. צו עס שטעלן זיך צו בעלי מנגנים, אז דער וואס דאווענט פארן עמוד זאל האבן ארום און ארום זיינע משוררים וואס זאלן אים העלפן ארויסברענגען דעם קול ה'. מען מוז נישט שטיין פארן עמוד צו דאנקען פארן אייבערשטן, מען קען שטיין אין דער זייט אויך, מען קען ארויסברענגען דעם קול שירות ותשבחות פארן רבונו של עולם, יעדער איינער מיט וואס ער קען.**

*

♦ בסיום עריכת שלחן הטהור אמר **רבינו שליט"א:** איך וויל נאר ענדיגן, עס איז שפעט ביינאכט. קיינער איז שוין נישט אויף יעצט, בדרך כלל, די וועלט שלאפט. ווער איז אויף יעצט? דער רבונו של עולם מיט די נשמות פון צדיקים זענען זיך משתעשע אויבן אין גן עדן פון חצות און ווייטער. מיט וואס זענען זיי זיך משתעשע? נאך אזא לאנגען טאג, און אזא שווערן טאג בגשמיות, וואס מען האט געדארפט מקיים זיין אזויפיל מצוות אין דעם טאג, זיצן יודען און מען איז זיך משמח, מען פריידט זיך מיטן רבונו של עולם, נישטא נאך אזא תענוג אויבן אין הימל ביים רבונו של עולם ווי די יעצטיגע מסיבה, וואס יודען זיצן און זענען זיך משמח מיטן אייבערשטן.

**דער** רבונו של עולם זאל העלפן, אזוי ווי מיר פרייען זיך יעצט אין די צייט וואס דער אייבערשטער פריידט זיך מיט די צדיקים, זאלן מיר זוכה זיין, עס וועט קומען אמאל א צייט, יום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה. די וועלט איז פארגענגליך, דאס איז א דורכגאנג, היינט מארגן געפינט מען זיך אויף א צווייטן עולם. און אויף יענע וועלט זיצן די צדיקים מיטן רבונו של עולם, ועטרותיהם בראשיהם. דער רבונו של עולם גיט פאר יעדן צדיק, פאר יעדן ערליכן יוד, גיט ער זיין קרוין אויף זיין קאפ וואס עס קומט זיך אים. דער אייבערשטער גיט אים, אז ער איז זוכה נהנה צו זיין מזיו השכינה, וואס איז די גרעסטע הנאה וואס א יוד קען האבן, צו זיצן מיטן רבונו של עולם.

**אונז** יודישע קינדער וואס מיר פרייען זיך מיטן רבונו של עולם, מיר פרייען זיך מיט די שמחה וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן פאר יודישע קינדער. אונז דאנק מיר דעם אייבערשטן פאר די שמחה, מען זיצט אזוי שפעט ביינאכט, אין אזא צייט וואס נשמות פון צדיקים זענען זיך משתעשע כביכול מיטן רבונו של עולם, הביאנו אל בית היין ודגלו עלי אהבה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, צו זיצן אינאיינעם, זכאין כד שמעתין שבח דא שירתא, קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא. ווי אזוי מען פירט זיך אויף דעם עולם, אזוי פירט מען זיך אויף יענע וועלט. אלע שעות וואס מען איז

אויפגעוועקט שפעט ביינאכט לכבוד ה', ווערט צוזאמגענומען אויבן אין הימל, אז מען קען זיצן כביכול מיטן רבונו של עולם. עס וועט קומען א טאג וואס מיר וועלן זיין זייער דאנקבאר פאר די שעות וואס מיר זענען געזעסן דא אונטען, כדי מען זאל זיך קענען משמח זיין מיטן רבונו של עולם. די שמחה וואס וועט זיין לעתיד, איז די גרעסטע שמחה פון אלע סארט שמחות וואס איז שייך אז א מענטש זאל קענען זיך פרייען.

**זאל** דער באשעפער אונז געבן, אז מיר זאלן זיך קענען פרייען מיטן רבונו של עולם. ונזכה ונחיה ונראה, עס זאל נשפע ווערן פון די שמחה פארן גאנצן כלל ישראל אויף א גאנץ יאר שפעטער, יעדער יוד דארף דאך געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף צו האבן. די שמחה פונעם היינטיגן טאג זאל משפיע זיין שמחה פאר אלע. די וואס דארפן געהאלפן ווערן מיט קינדער, זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער. די וואס דארפן נחת ביי קינדער, זאל דער באשעפער געבן נחת ביי די קינדער. דער באשעפער זאל געבן חיי, לאנגע געזונטע יארן. פאר די וואס דארפן רפואות און ישועות, זאל דער באשעפער זיי צושיקן מען זאל געהאלפן ווערן אויף אלע זייערע רמ"ח אברים ושס"ה וגידים. פרנסה בהרחבה, וואס יעדער יוד דארף האבן, כדי ער זאל קענען ערציען זיינע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער באשעפער זאל געבן, בני חיי ומזוני רויחא לכל ישראל. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.